בס"ד

שבת מברכים א-ל-ו-ל | ר"ח יום שלישי-רביעי | המולד המולד יום שלישי 14 | 12 חלק' 

שבת מברכים

# טיב הקהילה

דער בלעטל

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

דאה

כ"ז אב תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:29 |
| מוצש"ק | 7:41 |
| ר"ת | 8:21 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:39 | סוז"ת א' | 9:59 |
| סוזק"ש ב' | 9:24 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': צח

שנה ב'

## טיב הפרשה

# אין די טעג קען מען באנייען דער קשר צו השי"ת

## אני לדודי ודודי לי

די וואך שבת גייט כלל ישראל בענטשן ראש חודש אלול. מיט די סימבאלישע שריט טרעט כלל ישראל אריין אין די הייליגע טעג און הייבט עס אן.

ביי געוויסע אידן איז דאס א צייט ווען מען הייבט זיך אן ווינטשן אז מען זאל זוכה זיין צו א גוט יאר, זיך אויסצובעטן א לעכטיג יאר.

ווען מען טרעט אריין אין אזא צייט איז דא צוויי סארט וועגן ווי אזוי אידן הייבן אן די הייליגע טעג. יעדער איינער איז איינשטימיג אז די טעג זענען גורל'דיג, אז זיי באשטימען דער בעפארשטייענדע יאר צי עס זאל זיין געבענטשט אדער חלילה פארקערט, אבער דער חילוק איז אויף וואס מען לייגט דער דגש.

אינדערצייט וואס איינער וועט לייגן דער דגוש אז דער יאר וואס קומט צוגיין זאל זיין א גוטער יאר, א יאר פון געזונט, א יאר פון פרנסה, איז דא אזאנע וואס האבן א טיפערן בליק אויף די יאר.

עס איז זיכער אז דער סארט בליק פון אנקוקן די טעג אלץ גורל'דיג און אז זיי זענען דער שליסל צו דעם יאר איז ריכטיג און אויסגעהאלטן, און אז עס שטייט בעסער און חשוב'ער ווי די וואס אינגארירן די טעג און ווארטן אז עס זאל אריבערגיין אדער זוכן נאר די הנאה'דיגע חלקים פון די טעג, אבער דאך, אז מען קוקט אריין אויף די טעג מיט א טיפקייט קומט מען ארויס מיט גרעסערע רווחים פון די טעג.

עס איז אזוי ביי די הייליגע טעג און עס איז אזוי מיט'ן לעבן בכלל, פארוואס מען איז דא אויף די וועלט, ווי דער מסילת ישרים ערקלערט אין זיין ספר אז דער יסוד החסידות און די שורש העבודה פון א איד איז אז ער זאל וויסן און דערגיין פארוואס ער איז דא אויף די וועלט.

אויך ווען מען גייט אריין אין די טעג איז דאס דער פליכט פון א איד. אז מען וועט וויסן וואס עס איז וועט מען שנעלער קענען אנקומען צום ציל.

דער מקור צו דער ציל טרעפן מיר אין חז"ל. די הייליגע חכמים דערציילן אונז וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין די טעג, אז אין די טעג איז משה רבינו ארויף אין הימל מקבל צו זיין די לוחות

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי

מיר שטייען ביים שוועל פון די ימי הרחמים, חודש אלול, וועלכע זענען אונז געגעבן געווארן אלס געשאנק פונעם רחמנות'דיגן באשעפער כדי מיר זאלן זיך גוט צוגרייטן צום יום הדין, און מיר דארפן וויסן וואס איז אונזער אויפגאבע אין אט די טעג, כדי מיר זאלן ריכטיג אויסנוצן די דאזיגע צייט. אינעם יעצטיגן צייט זענען מיר געגליכן צו א מענטש וועלכער גרייט זיך צו א גרויסן געשעעניש, צודעם איז מעגליך צו טראכטן אז ער וועט צוגיין דערצו אן קיין שום צוגרייטונג?

איבער דעם ענין, האט דערציילט הגה"ח רבי נטע פריינד זצ"ל, אז אין זיינע בחור'ישע יארן איז ער אמאל אריינגעגאנגען צום הייליגן הוסיאטינער רבי זצוק"ל אין די טעג פון חודש אלול מיט א קוויטל, און דערויף האט ער געשריבן זיין בקשה אז ער זאל זוכה זיין תשובה צו טון בתשובה שלימה. האט אים דער הייליגער הוסיאטינער רבי געזאגט אז ער זאל לערנען הלכות תשובה פונעם רמב"ם.ווירקליך זענען דא אסאך ספרים וועלכע זענען עוסק אין די הלכות פון תשובה, אדער מוסר ספרים וועלכע זענען געאייגנט פאר די יעצטיגע טעג און וויזן אן דעם מענטש וויאזוי זיך צו גרייטן געהעריג צו ראש השנה (צווישן זיי דעם ספר פון מורינו ורבינו שליט"א 'טיב המועדים – אלול ימים-נוראים'), און יעדער איינער זאל זיך באשטימען א שיעור צו לערנען אין אט די ספרים, און די אחרונים שרייבן שוין אז אויך א תלמיד חכם דארף אראפנעמען אין די יעצטיגע טעג אביסל צייט פון זיינע געוועגליכע סדרי הלימוד, און מוסיף זיין צו עוסק זיין אין ספרי יראה ומוסר.

דער ענין וואס מיר האבן יעצט ערקלערט, איז גוט אז מען זאל עס אויך ערקלערן אפילו פאר די קליינע קינדער, און אזוי האט אמאל געזאגט איינער פון די חשוב'ע מלמדים אין ירושלים עיר הקודש: טייערע קינדער, צי ווילט איר אז מען זאל מאכן פאר אייך א 'מסיבת חומש'? אוודאי, האבן די קינדער געענטפערט. האט דער מלמד ווייטער געזאגט: ווילט איר אז די מסיבה זאל פאָרקומען היינט? ניין, האבן די קינדער געענטפערט. פארוואס? ווייל מען האט זיך נאכנישט געהעריג געגרייט צו די מסיבה. האט זיי דער רבי געגעבן צו פארשטיין: אזוי איז אויך ביי דעם, מיר קענען נישט אנקומען צום יום הדין אנדעם וואס מיר זאלן זיך געהעריג גרייטן דערצו.

דאס אויבנדערמאנטע איז איין ביישפיל, און יעדער איינער זאל זען צו רעדן און צו פארברייטערן לויט ווי דער אויבערשטער וועט אים באלייכטן. און דער עיקר איז אז מיר זאלן זיין נָאֶה דוֹרְשִׁים וְנָאֶה מְקַיְּמִים, און יעדער איינער פאר זיך זאל אויך זען גוט אויסצונוצן דער צייט ביז ראש השנה, און כאטש דאס אז מיר זאלן וויסן וואס עס קומט, וְהֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ, און נישט ווארטן פאר דער לעצטער רגע, וְהַזָּרִיז נִשְׂכָּר. (עפ"י טיב המועדים – אלול)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

שניות, אז אין די פערציג טעג פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור איז ער געווען אויבן אין הימל און אין דעם פערציגסטן טאג איז ער אראפגעקומען אויף די וועלט און הקב"ה האט אים געזאגט 'סלחתי כדבריך' און אז פון דאן אן זענען די טעג באשטימט געווארן אלץ ימי הרחמים והסליחות און אז די פערציגסטע טאג ווען הקב"ה האט געזאגט פאר'ן כלל ישראל 'סלחתי כדבריך' איז די טאג פון יום כיפור, די טאג ווען הקב"ה זאגט 'כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם'.

אין די טעג איז געשען פאר'ן כלל ישראל א היסטארישער זאך. נאך דעם וואס זיי זענען געווארן דערווייטערט פון הקב"ה ביי די חטא העגל האבן זיי באקומען די כוחות זיך צוריק מקרב צו זיין צו הקב"ה, און דאס חזר'ט זיך איבער היינטיגע צייטן, אז אויך נאך דעם וואס א איד איז ליידער במשך די יאר מרוחק געווארן פון הקב"ה, באקומט ער די טעג די כוחות צוריק צו נתקרב ווערן לשמו יתברך.

די בחינה איז מרומז אין מערערע ערטער אבער אויך אין דער באקאנטער רמז אויף חודש אלול וואס ליגט באהאלטן אין די ווערטער 'א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י' און ווערט אראפגעברענגט אין משנה ברורה אנהייב הלכות ראש השנה, ווייל אין די טעג קען א איד צוריקקומען צו די בחינה פון 'אני לדודי' ער ווערט נאנט צום רבוש"ע און דאגעגן הקב"ה ווערט נאנט צו אים 'ודודי לי'.

נאך א רמז איבער די גדלות פון די טעג אז די ווערטער 'ומל ד' אלקיך **את לבבך ואת לבב** זרעך' איז די ראשי תיבות פון אלול.

די אלע רמזים זענען א רמז איבער די גדלות פון די טעג, אז אין זיי איז דא די גרויסע כוחות זיך צו קענען מטהר ומקדש זיין און זיך צו דערנענטערן צו הקב"ה און תשובה טון און דערוועקן די באהאלטענע הרגשים וואס א איד האט צו הקב"ה, אדער די הרגשים וואס זענען געווארן פארלאשן מיט די יארן דורך די חטאים.

ווען מען איז זיך מתבונן אין איר זעט מען דא א גרויסער חסד וואס הקב"ה מאכט מיט יעדן איד, אז ער געבט אונז די טעג אז מיר זאלן זיך קענען אין איר דערהייבן און באנייען די נאנטקייט צו הקב"ה, עס פארשטערקערן און פארגרעסערן און אז מען וועט עס אויסנוצן און מען וועט מקיים די ווערטער וואס עס שטייט אין די פרשה 'את הברכה אשר תשמעו', איז נאך דעם וועט מען פון זיך אליין אנקומען צו די ברכה אויף וואס מען קוקט ארויס.

אויף דער צדיק הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע דערציילט מען אז אין די יונגע יארן האט ער געלעבט מיט א שרעקליכע דחקות. עס איז געווען טעג וואס נישט ער און נישט זיין פרוי און די קינדער האבן געהאט ברויט זיך צו שפייזן, אבער מיט דעם אלעם האט ער זיך נישט געשטערט פון זיין עבודה, ער האט ווייטער געדינט הקב"ה מיט אן אויסטערלישע מסירות נפש.

איין טאג האט זיך געמאכט אז א איד איז געקומען צוגיין פונדערווייטענס. הערנדיג אז דא אין די שטאט איז דא אזא בן עליה איז ער אריבער צו אים אין שטוב צו רעדן מיט אים אין עבודת ה'. אנקומענדיג אין שטוב און זעענדיג די שרעקעדיגע דחקות וואס עס הערשט אין שטוב, איז ער געווארן דערציטערט פון דעם. ער האט נישט געקענט גלייבן און פארשטיין ווי אזוי קען מען לעבן אין אזא דחקות.

וויסנדיג אז דער צדיק וועט נישט מסכים זיין צו נעמען עפעס פון אן אנדערן איז ער אריין אין קאך צו די פרוי און איר געגעבן א סומע געלט זאגנדיג אז ער וויל איר בעטן אז פון היינט און ווייטער זאל זי נישט באלמוטשענען איר מאן, אז זי דארף עפעס, זאל זי קומען צו אים, און אים בעטן אז ער זאל איר געבן וואס זי דארף, אז דער צדיק זאל קענען זיצן און לערנען און דינען הקב"ה מיט זיין מורא'דיגע עבודה.

דער איד האט געהאלטןווארט. יעדע שטיק צייט איז ער געקומען צוגיין און פארזארגט די פרוי מיט אלע אירע הצטרכות'ער און מען האט געלעבט אין שטוב במנוחה.

די פרוי האט געדאנקט הקב"ה פאר די שפע רב און אז איר מאן קען ווייטער זיצן און לערנען תורה במנוחה, אבער זי האט זיך געוואונדערט וואס טראכט איר גרויסער מאן, צי זעט ער נישט אז זי בעט אים מער נישט קיין געלט, אז זי לאזט אים במנוחה.

ווען עס איז געווארן לענגער האט זי אים אמאל געפרעגט ווי אזוי קען זיין אז ער באמערקט נישט דער שינוי אין שטוב. דאן האט זי אים דערציילט אז עס איז דא איינער וואס שטעלט אים צו אלעס וואס ער דארף. ווי נאר זי האט עס אים דערציילט איז ער געווארן זייער אומרואיג, ער האט געבעטן אז זי זאל עס אפשטעלן.

דערביי האט זי געגעבן צו פארשטיין אז יעדער מאל ווען זי פלעגט אים דערוועקן איבער די גרויסע ענגשאפט אין שטוב האט עס אים מעורר געווען אז ער קען יעצט בעטן פון טיפעניש פון הארץ און ווערן מער דערנענטערט צו הקב"ה.

נאך יעדע אזא תפילה איז ער געווארן מער און מער דערנענטערט, אבער יעצט אז איינער שטעלט אים צו אלעס וואס ער דארף, האט ער מער נישט די סארט הרגשה.

דאס איז א הויכע דרגה. דער צדיק האט געשפירט אז דער חסרון איז נישט א גשמיות'דיגע, נאר אז פון הימל וויל מען אים געבן מער התקרבות. מען דארף האלטן דערביי, אבער מען דארף זיך אפלערנען פון דעם צו בעטן קרבת ה', אז אויך ווען מען בעט אויף פרנסה, זאל עס זיין אז דורך דעם זאל מען האבן מער קרבת ה'.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו הרחבה גדולה און צו קרבת ה' און זוכה זיין אז אין די טעג זאל מען זיך צוריק נתקרב ווערן צו הקב"ה און פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים גמורים אכי"ר.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א 'אשה' אין די ריכטיגע מינוט

ביי אידן וואס לעבן מיט אמונה איז א קלארע זאך אז נישט נאר געלט אדער געברויכן איז בהשגחה, נאר אויך וועלכע זאך מען זאל הערן אדער ליינען און ווען מען זאל עס ליינען און ווי אזוי מען זאל עס אפלערנען – איז בהשגחה פרטית.

דאס איז דער וועג ווי אזוי הקב"ה רעדט צו א איד, ער שיקט אים אונטער שלוחים וועלכע זאלן אים ערמוטיגן און געבן כח צו קענען מקיים זיין די תפקיד איבער וואס ער איז דא אויף די וועלט.

מיט עטליכע וואכן האב איך געהאט אזא מעשה טאקע מיט די 'טיב הקהילה' גליון און כ'וויל עס מיטטיילן דא.

איך האב א חשוב'ער ברודער, ער האט שוין געהאלטן ביי די עלטער פון שידוכים, מען האט אים אנגעטראגן א הערליכע שידוך, אלעס איז שוין געווען גרייט, אבער אזוי ווי עס איז געווען אין די ניין טעג האט ער נישט געוואלט הערן פון דעם.

"זאל מען ווארטן אויף נאך די ניין טעג", האט ער זיך גע'עקשנ'ט.

מיר האבן אים פרובירט צו זאגן אז הלכה'דיג מעג מען מאכן א שידוך, אז אפילו תשעה באב אליין מאכט מען שידוכים, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי דאס זייניגע.

יענער וואך איז אין די גליון פון טיב הקהילה ערשינען א מעשה. דארט ווערט געשילדערט אז צוויי חשוב'ע רבנים האבן זיך משדך געווען אין די ניין טעג און מדגיש געווען אז א שידוך מעג מען מאכן אין די ניין טעג.

די צוויי רבנים האבן א שטארקע חשיבות ביי מיין ברודער. זעענדיג די מעשה האט ער גלייך געגעבן די צושטימונג פאר זיינע עלטערן און די שידוך איז געווארן.

מען האט געזען בחוש ווי אזוי יעדע זאך אין די וועלט, אפילו וואס עס זאל שטיין און וואס מען זאל ליינען איז מיט א שליחות אויף די וועלט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: צ.נ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# שַׁבָּת מְבָרְכִין אֱלוּ"ל!

זאגט די הייליגע משנה (כתובות נז.): **"נוֹתְנִין לִבְתוּלָה שְׁנֵים עָשָׂר חוֹדֶשׁ מִשֶּׁתְּבָעָהּ הַבַּעַל, לְפַרְנֵס אֶת עַצְמָהּ [מיט צירונגען – רש"י] וכו'. הִגִּיעַ זְמַן וְלֹא נִשְּׂאוּ, אוֹכְלוֹת מִשֶּׁלוֹ, וְאוֹכְלוֹת בִּתְרוּמָה"**.

אינעם הייליגן ספר עטרת ישועה פון הרה"ק מדזיקוב זצוק"ל (מועדים, עיוהכ"פ ז) ווערט די אויבנדערמאנטע משנה ערקלערט כְּמִין חֹמֶר. – 'בתולה' דאס מיינט מען דאך די כנסת ישראל, די כלה פונעם אויבערשטן, 'הבעל' דאס איז דאך קודשא בריך הוא, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה נד, ה) "כִּי בֹעֲלַיִךְ עֹשַׂיִךְ".

'נותנין לבתולה י"ב חודש' – דער אויבערשטער געבט אונז צייט די צוועלף חדשים פון יאר, זיך צו מתקן זיין דורך תשובה און מעשים טובים, אז מיר זאלן זיין ראוי זיך צו מייחד זיין צום השם יתברך. און אזוי ווי רש"י ז"ל שרייבט דארט: 'לפרנס עצמה בתכשיטין', דאס איז מרמז, צו אויספוצן אידישע קינדער מיט מעשים טובים, און אנצוגרייטן קִשּׁוּטֵי כַּלָּה דורך די שמחה פון די הייליגע תורה און אירע לעכטיגע חִדּוּשִׁים.

'הגיע זמן ולא נישאו', דאס הייסט, נאכדעם וואס עס איז שוין דורכגעגאנגען די צוועלף חדשים פונעם יאר און עסאיז געקומען דער צייט פונעם גרויסן יחוד פון די הייליגע טעג, 'ולא נישאו' און זיי האבן נאכנישט חתונה געהאט מיטן אויבערשטן, וויבאלד זיי האבן זיך חלילה נאכנישט מתקן געווען דורך תשובה ומעשים טובים. – איז 'אוכלות משלו', דאס מיינט, אז מיט די גרויסע רחמים און חסדים פונעם אויבערשטן, וויל ער אז לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח, און דעריבער שיקט ער הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה פון אים צום מענטש, און נישט מצד דעם התעוררות און כח פונעם מענטש זעלבסט, נאר מצד די רחמנות פונם אויבערשטן שיקט ער אראפ פון אויבן אין אט די הייליגע טעג, הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אין אידישע הערצער.

און דאס איז דער רמז פון די ווערטער 'ואוכלות בתרומה', א לשון פון אויפהייבן, אז דער אויבערשטער הייבט אונז אויף דורך די הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וואס קומען אראפ פון אים דורך אִתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא, ביז אהער פון זיינע הייליגע ווערטער. וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן, צו דערנענטערן אידישע הערצער צו אונזער טאטע אין הימל אין אט די יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן.

-> ♦ <-

אין איינע פון די אלו"ל טעג, איז דער הייליגער לעכוויטשער זצוק"ל ארויסגעפארן אין וועג לצורך מצוה, אין באגלייטן פון א חבורה פון זיינע הייליגע תלמידים. אנקומענדיג אויפן וועג צו אן אכסניא, זענען זיי דארט אריינגעגאנגען זיך אביסל אפצורוען פונעם וועג. און אט איז אנגעקומען צו זייערע אויערן א שמועס פון צוויי גוי'אישע פויערן, וועלכע זענען געזעצן אין זייט און געשמועסט וועגן זייער ארבעט אין פעלד, וואס אין די יעצטיגע צייט פון יאר איז עס די שווערסטע, וויבאלד יעצט אינדערצייט פונעם שניט שפאנען זיי זיך איין צו זייער שווער ארבעט כדי זיי זאלן אניאגן אפצושניידן אלע תבואה, און עס פארקויפן צו די פילע סוחרים.

און אזוי אינמיטן זייער שמועס, האט איינער פון זיי זיך אפגעזיפצט פאר זיין חבר, איבער די גאר שווערע ארבעט, און מיט צארן האט ער אויסגעשריגן: עס מיר שוין נמאס!! נמאס"!!

האט אים זיין חבר געענטפערט: וואס איז דיר, מיין פריינט! פונקט פארקערט! וויסן זאלסטו, אז דער וועלכער ארבעט נישט שווער אין דעם חודש, דער וועט גארנישט האבן צו עסן דורכאויס דעם גאנצן יאר! וואס מער מיר וועלן ארבעט און זיך פלאגן אין דעם חודש, אלס מער פירות און פארדינסטן וועלן מיר האבן פארן גאנצן יאר וואס קומט!

ווען דער צדיק האט געהערט די ווערטער וואס קומען ארויס פונעם פויער'ס מויל, האט זיך דער הייליגער צדיק געווענדן צו זיינע תלמידים און געזאגט צו זיי: איר האט געהערט וואס מען האט דא געזאגט? – עס איז דאך באוואוסט דער יסוד פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אז פון יעדער זאך וואס דער מענטש זעט און הערט אויף דער וועלט דארף ער זיך אפלערנען און ארויסנעמען מוסר, איז דאך זיכער אז מיט א ספעציעלע השגחה זענען אט די דיבורים אנגעקומען צו אונזערע אויערן. ווייל מען וויל אונז דא מרמז זיין איבער די טייערקייט און חשיבות פון די עבודה פונעם יעצטיגן חודש אלול, אז ווער עס וועט זיך גוט פלאגן און פעסט ארבעטן אין דעם חודש, דער וועט ארויסנעמען פילע גוטע און שיינע פירות פארן גאנצן יאר ברוחניות ובגשמיות און אין אלע ענינים לטובה.

-> ♦ <-

עס האט דערציילט אַן אִישׁ נֶאֱמָן יְרֵא אֱלֹקִים, אז נאך די ביטערע וועלט מלחמה איז כמעט נישט געבליבן קיין זכר פון זיין גאנצע גרויסע משפחה, וועלכע זענען אלע ארויפגעגאנגען אויף קידוש השם, ה' יִקֹּם דָּמָם, און ער אליין איז געבליבן אן איינציגער פון די גאנצע ברייטפארצווייגטע פאמיליע, און דעריבער האט ער אלעמאל משתדל געווען צו פאראייביגן זייער אנדענק.

און אט איז ער געוואויר געווארן, צו זיין גרויסן איבערראשונג, אז עס איז נאך אן אפשטאמיגער פון די משפחה, וועלכער האט איבערגעלעבט די שרעקליכע מלחמה, און ער וואוינט היינט אין איינער פון די פרייע "קיבוצים" אינעם הייליגן לאנד, און נאך די שרעקליכע מלחמה האט ער ליידער אפגעלאזט דעם דרך ישראל סבא, און האט אראפגענומען פון זיך דעם עול תורה ומצוות, רחמנא ליצלן, און ער האט א יונגער בחור'ל. ער האט זיך זייער געפריידט צו די איבערראשנדע ידיעה, און נאך עטליכע טעג איז געווארן א פארבינדונג צווישן די משפחות, און די הויזגעזינד פון די משפחה פונעם קיבוץ האבן געוואלט קומען אויף א באזוך ביי די היימישע משפחה.

אנקומענדיג צום באזוך, האט דער איד געזען אז זיין קרוב, דער יונגער בחור'ל, ווייזט ארויס א גרויסע אינטערעסע אין אידישקייט, און וויל זייער שטארק וויסן מער איבערן לעבן פון די ערליכע אידן, פון וועמען ער האט פריער גארנישט געהערט. ער האט געקוקט מיט גרויס שטוינונג איבערן גאנצן אויפפירונג פון ערליכע אידן און עס האט זייער שטארק אויסגענומען ביי אים.

ווען ער האט געזען דעם געוואלדיגן רצון און השתוקקות פונעם באזוכער, האט ער אנגעהויבן רעדן צו אים און אים דערציילן אביסל איבער זיידע און זיין משפחה, און איבער די בליענדע און הערליכע אידישע לעבן וואס זייערע עלטערן האבן געהאט איידער די וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן. מיט ליבשאפט און געדולד האט ער מקרב געווען דאס הארץ פונעם בחור'ל צו זיינע ווארצלען און צו זיין אידישן גלויבן. זעענדיג אז זיינע ווערטער האבן א שטארקע השפעה אויפן בחור'ל, האט ער אים אויך דערציילט איבער די וואונדערליכע מצוה אין די תורה פון תשובה, דורך וועלכע מיר האבן שטענדיג דעם מעגליכקייט פון היילונג און דערנענטערונג "כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד"! (דברים ל, יד – און לשיטת הרמב"ן איז דאס די מצוה פון תשובה) – ער האט אים איידעלערהייט ערקלערט אז זיין וועג איז נישט קיין כבוד און נחת רוח פארן זיידן און עלטער-זיידן אין גן עדן, און וויבאלד זיי זענען די איינציגע שטאמלינגען פון א ברייטפארצווייגטע משפחה פון שומרי תורה ומצוות, וועט אוודאי זיין א גרויסע נחת רוח פאר זייערע עלטערן און זיידעס אין הימל, זעענדיג ווי זייער איניקל ווערט דערנענטערט צום אויבערשטן. – אזוי האט ער לאנג גערעדט מיט אים ווערטער פון התעוררות צו תשובה און צו קִרְבַת אֱלֹקִים טוֹב.

און אט איז בסייעתא דשמיא אנגעצינדן געווארן דעם אינערליכן פונק, אין די נשמה פון אונזער בחור'ל, און ער האט באקומען א געוואלדיגע השתוקקות צו תשובה טון מיטן גאנצן הארץ. נאר וואס דען? עס איז דאך נישט מעגליך זיך איבערצודרייען אויפאמאל, דראסטיש, פון א לעבן אין קיבוץ, וואס טראגט נישט מיט זיך אפילו א ריח פון תורה און קדושה, און פלוצלונג אנקומען צו א לעבן פון דקדוק התורה ומצוותיה, דעריבער האט ער אנגעהויבן גיין מיט אים זייער שטאט און געדולדיג, ביסל ביי ביסל, דרגה נאך דרגה.

זיי האבן אנגעהויבן לערנען צוזאמען דעם הייליגן ספר "קיצור שלחן ערוך", און זענען דורכגעגאנגען אינאיינעם עטליכע סימנים, ווען אונזער יונגער בחור'ל הערט נישט אויף אויסצודרוקן זיין געוואלדיגע התפעלות פונעם ליכטיגקייט פון די חכמת התורה וואס אירע וועגן זענען דַּרְכֵי נֹעַם, און עס טוט אנווייזן און אויסלערנען אין יעדן איינצלהייט פונעם לעבן פון א אידיש קינד, פונקטליך וויאזוי מען זאל זיך פירן און אנגיין, פון ווען מען שטייט אויף אינדערפרי ביז ווען מען לייגט זיך שלאפן אין בעט.

נאכן לערנען האבן זיי פראבירט צוזאמצונעמען עטליכע דינים אויף למעשה, אז ער זאל שוין קענען אנהייבן עס אויסצופירן אינעם טאג-טעגליכן לעבן, און זיי האבן דווקא אויסגעזוכט א קליינער זאך וואס טראגט נישט מיט זיך גאר א גרויסע 'מהפכה', כדי אז דערנאך זאל ער קענען צולייגן אלס מער און מער, ארויף און ארויף.

און אט האבן זיי געטראפן א לייכטער דין אלס אנהייב, אין די הלכות פונעם סדר פון אנטון און צובינדן די שיך, וואס עס ווערט גע'פסק'נט אין קיצור שולחן ערוך (סימן ג סעיף ד) ווי פאלגנד: "לְפִי שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַיָּמִין הִיא חֲשׁוּבָה בַּתּוֹרָה, לְעִנְיַן עֲבוֹדָה וּלְעִנְיַן בֹּהֶן יָד וּבֹהֶן רֶגֶל שֶׁל מִלּוּאִים וְשֶׁל מְצוֹרָע וּלְעִנְיַן מִצְוַת חֲלִיצָה, לָכֵן בִּלְבִישָׁה וְכֵן בִּשְׁאָר דְּבָרִים לְעוֹלָם יַקְדִּים שֶׁל יָמִין לְשֶׁל שְׂמֹאל. וּבַחֲלִיצַת הַמִּנְעָלִים וּשְׁאָר בְּגָדִים יַחֲלֹץ שֶׁל שְׂמֹאל תְּחִלָּה (שֶׁזֶּהוּ כְּבוֹדָהּ שֶׁל יָמִין). וְאַךְ לְעִנְיַן קְשִׁירָה הַשְּׂמֹאל חָשׁוּב יוֹתֵר, מִפְּנֵי שֶׁקּוֹשְׁרִין עָלָיו אֶת הַתְּפִלִּין. וְלָכֵן כְּשֶׁצָּרִיךְ לִקְשֹׁר, יִקְשֹׁר שֶׁל שְׂמֹאל תְּחִלָּה, כְּגוֹן מִנְעָלִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם קְשִׁירָה, נוֹעֵל שֶׁל יָמִין וְאֵינוֹ קוֹשְׁרוֹ וְנוֹעֵל אֶת שֶׁל שְׂמֹאל וְקוֹשְׁרוֹ וְאַחַר כָּךְ קוֹשֵׁר שֶׁל יָמִין. וְכֵן בִּשְׁאָר בְּגָדִים".

האט זיך דער בחור מקבל געווען אויסצופירן דעם דין פון פארמאכן די שיך כְּהִלְכָתָהּ, אז מען טוט אן די רעכטע שוך און דערנאך די לינקע שוך, דערנאך בינדט מען צו די לינקע שוך און דערנאך די רעכטע שוך. – און אזוי האט ער זייער מקפיד געווען דערויף אז ער זאל נישט אויפטוישן דעם סדר.

נאך א קורצע צייט האט דער בחור באקומען א באפעל זיך צו שטעלן צום טמא'נעם מיליטער. זיין הבטחה האט ער אבער נישט פארגעסן,

המשך אין עמוד ד' <

און אויך ווען ער איז ליידער אריינגעגאנגען אין מיליטער האט ער שטארק אכטונג געגעבן דערויף.

איינמאל, אין א פארטאגס, האט מען שנעל אויפגעוועקט אלע סאלדאטן, און די גענעראלן וועלכע שטייען אין שפיץ האבן ארויסגעגעבן א באפעל אז ביז א קורצע צייט מוז יעדער זיין גרייט, כדי צו באפאלן דעם פיינט פלוצלונג אויף א פארהוילענעם באזע, אויף וועלכע עס איז נארוואס געקומען קלארע אינפארמאציע, ווייל ווי באוואוסט איז דאס כאפן דעם פיינט אין איבערראשונג, זייער א וויכטיגע מיטל צו דערגרייכן דעם זיג.

די סאלדאטן, וועלכע זענען שוין גוט געלערנט געווארן צו קענען אויפשטיין פרי און שנעל זיין גרייט, זענען שנעל אויפגעשפרינגען אויף די פיס, און דאס באפעל איז געגעבן געווארן אז ביז צוויי מינוט איז די גאנצע בריגאדע [פלוגה] אינדרויסן, און דער מיליטערישער אויטא וועט זיי פון דארט פירן צו זייער ציל! – דער בחור האט זיך אויך שטארק געיאגט אזוי ווי אלע אנדערע סאלדאטן, און ביז געציילטע מינוטן איז ער געשטאנען אויפן ארט צוזאמען מיט זיינע חברים גרייט צום קאמף, ביים אנגעגעבענעם ארט.

אבער פלוצלונג, איז דער בחור בלאס געווארן פאר א רגע, וויבאלד ער האט זיך געכאפט מיט גרויס שרעק, אז פון גרויס יאגעניש האט ער פארגעסן צו אנטון די שיך אזוי ווי הלכה פאדערט, און ווי ער האט געלערנט אינעם הייליגן קיצור שולחן ערוך און דאס אויך מקבל געווען אויף זיך.

אן צו טראכטן קיין צוויי, איז ער ווי פייל פון בויגן שנעל צוריקגעלאפן צו זיין צימער אינעם לאגער, און בליץ-שנעל אויסגעטון זיינע שיך און זיי גלייך צוריק אנגעטון לויטן ריכטיגן סדר, אנטוענדיג צום ערשט דעם רעכטן שוך ביים אנטון, און פריער דעם לינקן שוך ביים צובינדן, און דערנאך איז ער שנעל צוריקגעלאפן מיט זיינע אלע כוחות זיך צו טרעפן מיט זיין גרופע.

דער שטרענגער קאמאנדיר האט אבער באשלאסן אים שטרענג צו באשטראפן דערפאר (און אים צו ערקלערן די סיבה דערצו...) – וואס צוליב אים האבן זיי געדארפט ארויסגיין מיט א האלבע מינוט שפעטער, און אלס שטראף האט ער אים איינגעשפארט פארן גאנצן טאג אינעם לאגער!

דער סאלדאט איז געווארן זייער ענטוישט און צובראכן פונעם שטראף און דאס איינזאמקייט וואס ער וועט דארפן מיטמאכן, אבער נאר געציילטע שעות זענען דורכגעגאנגען פון דעמאלטס, ווען א שרעקליכע שמועה איז אנגעקומען צום לאגער: אלע חברים פונעם גרופע זענען ארויף אויף א מינע [באמבע/מוקש] וואס איז באהאלטן געווארן אויפן וועג, און האבן אלע אויסגעהויכט זייער נשמה אויפן ארט, און נאר ער איז געראטעוועט געווארן פון א זיכערער טויט אין זכות וואס ער האט מקפיד געווען אויפן סדר פון אנטון די שיך לויט די הלכה.

דער צייכן פון התעוררות וואס מען האט אים געשיקט פון הימל איז געווען קלאר און דייטליך כַּשֶּׁמֶשׁ בַּצָּהֳרַיִם, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט די כח פון איין אידישע הלכה, וואס עס איז אימשטאנד צו ראטעווען א אידיש קינד מִמָּוֶת לְחַיִּים. – גלייך אויפן ארט האט ער באשלאסן אז ער גייט שוין יעצט תשובה טון בתשובה שלימה, נישט האלב-וועגס, א דריטל אדער א פערטל, נאר אזוי ווי די הייליגע חכמינו ז"ל האבן מתקן געווען פאר אונז צו בעטן: "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ" – נישט קיין טיילווייזע תשובה...

ער האט פארלאזט די מיליטער וועלכער מאכט קאליע אידישע נשמות, רחמנא ליצלן, און ער האט זיך צוריקגעקערט צום שויס פון אונזער פאלק און אונזער תורה און צום שויס פון די הייליגע שכינה, די אִמָּא עִלָּאָה, וועלכע איז געשטאנען די גאנצע צייט צוזאמען מיט אים אפילו ווען ער איז געווען בְּתוֹךְ טֻמְאָתוֹ (יומא נו: ע"פ ויקרא טז, טז) און האט געקלאגט מיט א ביטערן געוויין אויף איר טייער קינד וועלכע פאטשקעט זיך אין די מיסטן.

צום סוף האט ער זוכה געווען אויפצושטעלן א בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, און צו דערפרייען די שכינה הקדושה! אויך זיינע קינדער און וויטערדיגע דורות גייען בדרכה של תורה, צום פראכט פון די געהויבענע משפחה!

-> ♦ <-

נאך א מעשה איבערן כח פון א קבלה טובה, וואס איך האב געהערט פון א פארלעסליכער מענטש.

עס איז געווען א מעשה מיט א חשוב'ע פרוי פון לאנדאן הַבִּירָה, וואס איר מאן האט געליטן פון א בלינדקייט אין זיינע אויגן במשך א צייט פון ארום פינף יאר. די משפחה האבן אויסגעגעבן גרויס געלט זוכנדיג די בעסטע דאקטוירים און פראפעסארן פון איבער די גאנצע וועלט, אבער עס איז זיי נישט געלונגען אויסצוהיילן זיין בלינדקייט, און אזוי זענען זיי דורכגעגאנגען במשך די יארן א געוואלדיגע מיטמאכעניש.

שפעטער האט די פרוי דערציילט מיט ווייטאג, אז פון אייביג אן איז איר שטייגער געווען, אז זי האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין אירע קליידער, וועלכע צום גרויס באדויערן האבן נישט געשטימט מיט די הלכות פון צניעות און דת יהודית. זי האט געלעבט אינעם עולם השקר וההבל, און איר גאנצן קאפ איז געלעגן אין איר דרויסנדיגן אויסזען...

ויהי היום, האט זי געהערט א 'שיחת חיזוק' איבערן הארבקייט פון נישט גיין צניעות'דיג, און ווי הארב איז דאס צו שטרויכלען אידישע קינדער און מטמא זיין זייערע אויגן, רחמנא ליצלן! – אינעם זעלבן שמועס איז ערקלערט געווארן, אז די שיינקייט פון די פרוי דארף זיין אינעווייניג אין הויז, און נישט אזוי ווי עס זענען געווארן 'איבערגעדרייט די יוצרות' אין אונזערע צייטן, אז אינדערהיים גייען די פרויען אנגעטון גאנץ פשוט, און ווען מען וויל ארויסגיין אינדרויסן טוט מען זיך אן די בעסטע קליידונג. פונקט פארקערט ווי אין פסוק שטייט (תהילים מה, יד): "כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ פְּנִימָה"!

די ווערטער האבן טיף אריינגעדרינגען אין איר הארץ, און זי האט מקבל געווען מיט א פעסטע באשלוס, אז מער וועט זי נישט אנטון די דאזיגע קליידער. זי איז אויפגעשטאנען און מיט א הייליגע און פייערדיגע התלהבות האט זי צוריסן די טמא'נע קליידער, לכבוד דעם הייליגן באשעפער! זי האט נישט אכט געלייגט צום געוואלדיגן שאדן וואס האט זיך געשאצט מיט עטליכע טויזנט פונט, נאר זי האט גענומען אין חשבון אז דאס איז א נחת רוח פארן אויבערשטן - נַחַת רוּחַ לְפָנַי, שֶׁאָמַרְתִּי וְנַעֲשָׂה רְצוֹנִי!

גלייך אויפצומארגנס אינדערפרי, ווען זי האט נאר אנגעהויבן מקיים זיין דעם "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ"! (משלי לא, כה), איז פלוצלונג ליכטיג געווארן פאר די אויגן פון איר מאן, און אט דער זעלטענער און אומנאטורליכער ערשיינונג האט אויסגערופן גרויס וואונדער אפילו ביי די דאקטוירים און פראפעסארן.

זעען מיר דערפון, אז וויבאלד די פרוי איז נתעורר געווארן צו פארשטיין די הארבקייט פון צניעות, און ווי ווייט שרעקליך עס איז צו שטרויכלען הייליגע אידישע קינדער מיט זייערע אויגן, ה' ישמרנו, האט זי גלייך זוכה געווען צו א ישועה פון הימל, אז די אויגן פון איר מאן זענען געהיילט געווארן לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

אזוי זאל אונז דער אויבערשטער העלפן, אז מיר זאלן זוכה זיין זיך צו הייליגן און תשובה טון בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן לִפְנֵי אֲדוֹן כֹּל, אין אט די יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן, אמן.




◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173